ב"ה

# איז טאקע עולם גולם ???

ציביסלעך האט דער חרד׳ישער עולם, אויפגעהערט צו זיין א גולם, די פראפעסיאנעלע רבנים מכשירים (נאכ׳ן אויפדעקען פון איסורי כרת ר"ל) לויפען שוין ארום ווי די פאר׳טמ׳טע מייז, זעהענדיג ווי זיי האבען פארלויערען דעם צוטרוי בי דעם חרדי׳שע ציבור;

און דער עולם פרעגט : איהר ביליגע רבנים׳לעך, איהר מאכילי טריפות ואיסורי כרת ר"ל פאר צענדליגע יארען, איהר וועלכע האבען מסמא געווען את בית ישראל - נעבעך פאר אייער חמדת ממון, וועט אייך נישט העלפען אייער וועלען ארייגשלעפען דעם הייליגען נאמען פון הגאוה"ק מסאטמאר זי"ע אין אייערע טריפה׳נע געשעפטען, עס וועט אייך אויך נישט העלפען דאס ברידועל ( וואס איר רופט "פסק בית דין") פון דעם אזוי גערופענעם "בית דין הגדול שבירושלים" וואס ביי אייך אין די אויגען אליין איז עס א חכא ואטלולא, עס וועט אייך אויך נישט העלפען אייער "בית דין המיוחד לעניני כשרות (שקרות)" צוזאמענגעשטעלט פון עטליכע מכשירים פאר תאוות ממון, עס וועט אייך אויך נישט העלפען דער אזוי גערופענער "דעת תורה" פון דעם בארימטען "טאלאמי פרעסער" דער "דומ"ץ" בבגדי לבן (הארמי) עס וועט אייך אויך נישט העלפען די גרויל פראפאגאנדא פון דעם גוי המכונה "דער איד" מיט זיינע שמוציגע אנפאלען על כל גדולי ישראל וצדיקי הדור, הכל יודעים ווען איהר מיינט מיט אייערע אנפאלען און "שיינע" טיטלען כמו "קרומע קעפ" "פראפיסיאנעלע מסיתים" "א כנופיא שונאים" "צבוע׳קעס" " מהרסים" "היינט וואס בילען" "בלעם׳ס" " מוכיחים בשער אין טיליפעס" און נאך אזוינע טיטלען וואס ווערען צוגעטיילט אין דעם ארגאן פון דעם "אומאפהענגיגען חרדי׳שען אידענטום" (עפ"ל) איר דעקט ענדליך אויף אייער אמת׳ען פרצוף וואס איר האט ביז היינט צוגעדעקט מיט׳ן שלייער פון קנאוה, כשרות, יהדות החרדית וכו׳, קומט איר היינט ארויס בגלוי, ווען איר הייבט אן זעהן אייער בראך, אייער אונטערגאנג, לויפט איר ארום זאמלען חתימות פון מאה רבנים, פסקים, **טעראר אקטען**, פאשקווילען, טעלעפאנען בחצות הלילה, פייערלעשער, אמבולאנסען, מאפיא-סטראשונקעס וכו׳, דאס אלעס וועט אייך נישט העלפען, ווייל דאס אמת׳ע יהדות החרדית האט שוין אויפגעמאכט די אויגען, אבער וואס דער ציבור ערווערט איצט איז צוויי זאכען :

1) דער סאטמארער עולם וואס באשטייט פון אפאר טויזענט יידען בליע"הר יראים ושלימים זאלען זיך אפשאקלען פון די פארקויפטע רבנים מכשירים און זאלען פון היינט מאל אליין מדקדק זיין אויף דער שחיטה בעצם, ווי אויך אויף דעם ניקור, מליחה והדחה, און זיך אויפהערען סומך צו זיין אויף די דאזיגע "מכשירים" וועלכע האבען מטריף געווען זייערע הייזער און די נשמות פון זייערע קינדער - נעבעך -

2) והשנית, די אייניגע עלטערע רבנים כמו הרב מוואידיסלאוו, סארטיקוב, וועלכע זענען שוין באים בשנים (ימי שנותיהם בהם בין שבעים לשמונים עמו"ש) זאלען ענדליך שוין אויפהערען פארקויפען זייערע נשמות און די נשמות בני ישראל הסומכים עליהם פאר עטליכע דאלארען (וועלכע זיי דארפען שוין נישט ב"ה) ובזה הכל על מקומו יבא נ ש ל ו ם. ....

הכואבים את כאבם של ישראל קדושים